אוּן זע פֿאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן אין שײַנ־
31 ענדיקע מלבושים, אוּן האָט געזאָגט: קאָרנעליוס,
דײַן תּפֿילה איז דערהערט געוואָרן, אוּן דײַנע
32 צדקות זענען דערמאָנט געוואָרן פֿאַר ג־ט. שיק
דעריבּער קײַן יפֿו, אוּן לאַד אײַן שמעונען, וועלכן
מען רופֿט פּעטרוס; ער שטייט אײַן אין אינם הויז פֿון
33 שמעון, אַ גאַרבּער, בּײַם ים. דעריבּער האָבּ איך
גלײַך געשיקט צו דיר; אוּן דו האָסט גוט געטון,
וואָס בּיסט געקומען. אוּן איצט זענען מיר אַלע דאָ
פֿאַר ג־ט, כּדי צו הערן אַלץ, וואָס איז דיר באַפֿוילן
34 געוואָרן פֿונם האַר. אוּן פּעטרוס האָט אויפֿגעמאַכט
זײַן מויל אוּן געזאָגט:

אויף אַן אמת בּין איך מַשיג, אַז ג־ט איז נישט
35 קײַן נושא פּנים; נאָר אין יעדן פֿאָלק, ווער עס
פֿאָרכט זיך פֿאַר אים אוּן טוט צדקה, איז אָנגענומען
36 בּײַ אים. דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געשיקט צו די
קינדער ישראל, מבשר זײַענדיק שלום דורך ישוע
המשיחן—ער איז האַר איבּער אַלע—קענט איר;
37 אוּן איר קענט די זאַך, וואָס איז געשעען
איבּערן גאַנצן (לאַנד) יהודה, וועלכע האָט זיך אָנגע־
הויבּן פֿון גליל נאָך דער טבילה, וואָס יוחנן האָט
38 אויסגערופֿן—ווי ג־ט האָט געזאַלבּט ישוען פֿון
נצרת מיט דעם רוח הקודש אוּן מיט גבורה; וועל־
כער איז אַרומגעגאַנגען, טוענדיק גוטס אוּן היילנדיק
39 אַלע, וואָס זענען געווען אונטער דער מאַכט פֿונם
שטן, ווײַל ג־ט איז געווען מיט אים. אוּן מיר זענען
עדות וועגן אַלעם, וואָס ער האָט געטון אין דעם
לאַנד יהודה אוּן אין ירושלים; אים האָבּן זיי אויך
אומגעבּראַכט, אויפֿהענגענדיק אים אויף אַ האָלץ.
40 דעם דאָזיקן האָט ג־ט אויפֿגעוועקט דעם דריטן
טאָג, אוּן אים געגעבּן אַנטפּלעקט צו ווערן, (דאָך